בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִלָיוֹן
# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ
אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון קמ"ב

פרשת יתרו
שנת תשפ"ו

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### - שֶׁעפְּשֶׁען אַ תְּפִלָּה -

#### וָואס אִיז דֶער צִיל פוּן אַ מוֹסָד?

אַ מוֹסָד הָאט אֵיין צִיל, אַז דִי מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס זָאלְן פְּרֶעדִיגְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה; דֶער גַאנְצֶער טָאג זָאל זִיךְ דְרֵייעֶן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן", "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא", "בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", "שְׁמוּעֶס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן", "טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", "מִיר טוּעֶן דֶעם וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", "מִיר קוּמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בַּאלְד גֵייעֶן מִיר שׁוֹין צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"**.

אִין חֵדֶר אִיז דָא נָאךְ אַ וִויכְטִיגֶע צִיל, מֶען זָאל לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וָואס אוֹיף זֵייעֶר תּוֹרָה שְׁטֵייט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיט:): **"אֵין הָעוֹלָם מִתְקַיֵּים אֶלָּא בִּשְׁבִיל הֶבֶל תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן"**.

אָבֶּער אִין שׁוּלֶע אִיז נִישְׁטָא נָאךְ עֶפֶּעס וָואס אִיז אַזוֹי וִויכְטִיג וִוי אַרַייְנְפְּרֶעדִיגְן אֱמוּנָה. מֶען דַארְף לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אִין שׁוּלֶע מִיט דִי קִינְדֶער, אָבֶּער דֶער עִקָּר שֶׁבְּעִקָּרִים דַארְף מֶען צִילְן אוֹיף דִי אֵיין נְקוּדָה, אַז אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע קְלָארֶע אֱמוּנָה, וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִים קיט, פו): **"כָּל מִצְוֹתֶיךָ אֱמוּנָה"**, דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן נָאר אַז מִיר זָאלְן וִויסְן אַז עֶס אִיז דָא אֵיין אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס עֶר טוּט אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס אוּן עֶר הָאט אַלֶעס בַּאשַׁאפְן.

וֶוען אַ קִינְד פְרֶעגְט אוֹיף אַ מִצְוָה: **"פַארְוָואס דַארְף מֶען דָאס טוּן?"** דַארְף מֶען אִים עֶנְטְפֶערְן אִין אֵיין וָוארְט: **"וַוייל אַזוֹי הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהֵייסְן"**; נִישְׁטָא קֵיין פַארְוָואס אוּן קֵיין פַארְוֶוען, מִיר טוּעֶן דֶער רָצוֹן הַשֵּׁם בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.

מֶען עֶפְנְט קֵיין שׁוּלֶע נִישְׁט כְּדֵי דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן דָאקְטוֹירִים אוּן בּוּכְהַאלְטֶערְנְס (רוֹאֶה חֶשְׁבּוֹן), נָאר כְּדֵי זֵיי זָאלְן חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן קֶענֶען זַיין אִידִישֶׁע מַאמֶעס. דֶערִיבֶּער דַארְף אַ לֶערֶערִין הַאלְטְן קָאפּ זִי זָאל אַרַייְנְפְלֶעכְטְן וֶוערְטֶער פוּן אֱמוּנָה אוּן הַשְׁגָחָה פְּרָטִיוּת אִינְמִיטְן אַלֶע לִימוּדִים.

#### שְׁמֵייכְלֶען צוּ דִי קִינְדֶער

אַ מְלַמֵּד דַארְף אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער, זֵיי גֶעבְּן אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן שְׁמֵייכְלֶען צוּ זַיינֶע תַּלְמִידִים; דָאס וֶועט זֵיי עֶפֶענֶען דִי מֹחַ אוּן הַארְץ, זֵיי זָאלְן קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין וָואס מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי.

וֶוען אִיךְ פְלֶעג קוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ - בִּין אִיךְ אַלְץ גֶעקוּמֶען מִיט אַן עֶרְנְסְטְקֵייט, פְלֶעגְט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְן: **"דוּ בִּיסְט צוּ עֶרְנְסְט, דַיינֶע תַּלְמִידִים וֶועלְן זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקְן אוּן נִישְׁט קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין"**, אַזוֹיפִיל מָאל הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט: **"גֶעבּ אַ שְׁמֵייכְל, זִינְג מִיט דַיינֶע תַּלְמִידִים, מַאךְ זֵיי פְרֵיילִיךְ"**, וַוייל נָאר אַזוֹי אִיז דָא מוֹחִין מְקַבֵּל צוּ זַיין וָואס מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי.

#### וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס וַוארְפְט צוּרִיק אַ גוּט וָוארְט?

דָאס וָואס עֶס קֶען צוּמָאל פַּאסִירְן וֶוען מֶען גֶעבְּט אַ גוּט וָוארְט פַאר אַ קִינְד אַז עֶר רוּפְט זִיךְ אָן: **"דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת", "דֶער רֶבִּי הָאט מִיךְ נִישְׁט לִיבּ", "קֵיינֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט, קֵיינֶער הָאט מִיךְ נִישְׁט לִיבּ"**, קֶען זַיין צוּלִיבּ אַפָּאר סִיבּוֹת; אָדֶער אַז דָאס קִינְד הָאט גֶעהֶערְט אַסַאךְ שְׁלֶעכְטֶע וֶוערְטֶער, עֶס קְלִינְגְט אִים אִין קָאפּ: 'בִּיסְט נִישְׁט גוּט, בִּיסְט אַ שְׁלֶעכְט קִינְד', אוּן יֶעצְט וֶוען עֶר בַּאקוּמְט אַ גוּט וָוארְט, מֶען זָאגְט אִים: **"בִּיסְט גוּט"** - קְלִינְגְט אִים דִי נִישְׁט גוּטֶע וֶוערְטֶער, דֶערְפַאר וַוארְפְט עֶר דָאס צוּרִיק. אָדֶער אַז מֶען הָאט אִים מְחַנֵּךְ גֶעוֶוען מִיט שֶׁקֶר, מֶען מֶען הָאט אִים כְּסֵדֶר פָארְגֶעהַאלְטְן: **"זַיי וִוי דֶעם קִינְד", "פַארְוָואס בִּיסְטוּ נִישְׁט וִוי יֶענֶעם?" "אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט זַיין וִוי דֶעם קָרוֹב, וִוי דֶעם שָׁכֵן"**; אִיז אֲפִילוּ מֶען זָאגְט אִים נִישְׁט דִירֶעקְט אַז עֶר אִיז שְׁלֶעכְט, וַוייסְט עֶר אָבֶּער בַּיי זִיךְ 'כָּל זְמַן אִיךְ בִּין נִישְׁט וִוי יֶענֶעם - בִּין אִיךְ שְׁלֶעכְט'.

אַמָאל קֶען אוֹיךְ זַיין אַז דָאס קִינְד אִיז זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג פַאר גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן עֶר וִויל דָאס נָאכְאַמָאל הֶערְן, דֶערְפַאר מַאכְט עֶר דָאס אַוֶועק, וַוייל עֶר הָאפְט אַז מֶען וֶועט אִים דָאס נָאכְאַמָאל זָאגְן.

דֶערִיבֶּער טָאר נִישְׁט אַ מְלַמֵּד וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען אַ קִינְד וַוארְפְט צוּרִיק אַ גוּט וָוארְט, נָאר עֶר דַארְף אִים גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל אוּן נָאךְ אַ גוּט וָוארְט, וַוייל גוּטֶע וֶוערְטֶער אִיז פוּן דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאכְן פַארְן לֶעבְּן, בִּפְרַט פַאר קִינְדֶער, דִי גוּטֶע וֶוערְטֶער עֶפְנְט זֵייעֶר מֹחַ אוּן הַארְץ.

#### אַ גוּט וָוארְט גֶעדֶענְקְט מֶען אַ גַאנְץ לֶעבְּן

לָאמִיר זִיךְ פְּרוּבִּירְן צוּ דֶערְמַאנֶען וָואס מִיר גֶעדֶענְקֶען פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶערִישֶׁע יָארְן, וֶועט מֶען זֶען אַז מֶען גֶעדֶענְקְט כִּמְעַט גָארְנִישְׁט, אוֹיסֶער אַ גוּט וָוארְט וָואס מֶען הָאט בַּאקוּמֶען פוּן אַ מְלַמֵּד, דָאס גֶעדֶענְקְט מֶען אוֹיף אֵייבִּיג.

וֶוען מֶען פְרֶעגְט אַ מֶענְטְשׁ: **"דֶערְצֵייל מִיר עֶפֶּעס פוּן דַיין מְלַמֵּד"**, קֶען זַיין אַז עֶר

וֶועט עֶנְטְפֶערְן: **"אִיךְ גֶעדֶענְק גָארְנִישְׁט פוּן יֶענֶע יָאר"**, וָואלְט דֶער מְלַמֵד אִים גֶעזָאגְט כָּאטְשׁ אֵיין מָאל אִינְמִיטְן יָאר: **"בִּיסְט אַ וואוֹיל קִינְד"**, **"בִּיסְט אַ גוּט קִינְד"**, וָואלְט עֶר שׁוֹין גֶעהַאט וָואס צוּ גֶעדֶענְקֶען פַאר זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

אִיךְ גֶעדֶענְק זֵייעֶר וֵוייניג פוּן מַיינֶע קִינְדֶערִישֶׁע יָארְן, אוֹיסֶער דִי גוּטֶע וֶוערְטֶער - דָאס קֶען אִיךְ נִישְׁט פַארְגֶעסְן; אִיךְ גֶעדֶענְק גָאר שְׁטַארְק אַ גוּט וָוארְט וָואס מַיין מְנַהֵל הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן. דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען, וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין כִּתָּה ג' הָאט מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א גֶעלֶערְנְט מִיט מִיר פְּרִיוַואט אַ בְּלַאט גְמָרָא, אִין דִי צַייט וָואס אִין חֵדֶר לֶערְנְט מֶען נָאכְנִישְׁט קַיין גְמָרָא, נָאכְן עֶנְדִיגְן דֶעם בְּלַאט גְמָרָא הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט: **"גֵיי צוּ דַיין מְנַהֵל'ס אָפִיס אוּן זָאג פַאר דַיין מְנַהֵל אַז דוּ ווִילְסְט זִיךְ פַארְהֶערְן בַּיי אִים דֶעם בְּלַאט גְמָרָא"**. אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעשֶׁעמְט צוּ גֵיין צוּם מְנַהֵל זִיךְ פַארְהֶערְן דֶעם בְּלַאט גְמָרָא. בַּיינַאכְט פְרֶעגְט מִיר מַיין טַאטֶע: **"נוּ, בִּיסְט גֶעגַאנְגֶען צוּם מְנַהֵל זִיךְ פַארְהֶערְן דֶעם בְּלַאט גְמָרָא?"** הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"נֵיין, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעשֶׁעמְט"**, הָאט מִיר מַיין טַאטֶע גֶעזָאגְט: **"הֶער זִיךְ צוּ, מָארְגְן קֶענְסְטוּ נִישְׁט אַהֵיימְקוּמֶען פוּן חֵדֶר נָאר אוֹיבּ דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען בַּיים מְנַהֵל אוּן זִיךְ פַארְהֶערְט דֶעם בְּלַאט גְמָרָא"**. צוּמָארְגְנְס בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּם מְנַהֵל, דֶער מְנַהֵל פְרֶעגְט מִיר: **"וָואס ווִילְסְטוּ אִינְגֶעלֶע?"** הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"אִיךְ ווִיל זִיךְ פַארְהֶערְן אַ בְּלַאט גְמָרָא"**, דֶער מְנַהֵל אִיז אוֹיפְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען פוּן זַיין בֶּענְקְל אוּן גֶעזָאגְט מִיט הִתְפַּעֲלוּת: **"פְּשְׁשְׁשְׁ, אַ בְּלַאט גְמָרָא!"** אוּן עֶר הָאט מִיר פַארְהֶערְט דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, נָאכְדֶעם הָאט עֶר מִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיף זַיינֶע אַקְסְלֶען אוּן מִיךְ אַרוּמְגֶעטְרָאגְן צוּ אַלֶע כִּיתּוֹת אוּן גֶעווִיזְן פַאר אַלֶע קִינְדֶער: **"עֶר אִיז אַ וואוֹילֶער אִינְגְל, עֶר הָאט זִיךְ פַארְהֶערְט אַ גַאנְצֶע בְּלַאט גְמָרָא!"**

דֶער מְנַהֵל הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזוֹיפִיל כָּבוֹד אוּן אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט אַז אֲפִילוּ אִיךְ בִּין שׁוֹין הַיינְט עֶטְלִיכֶע אִין פֶערְצִיג יָאר, לִיגְט עֶס מִיר נָאכְאַלְץ אִין דִי בֵּיינֶער, אַז אִיךְ שְׁלִינְג עֶס נָאךְ אַרָאפּ אוּן אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ ווִי גוּט אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט.

## עַל פִּי רוֹב זֶענֶען דִי לֶעבֶּעדִיגֶע קִינְדֶער נִישְׁט קַיין מְחוּצָפִּים

אַ מְלַמֵד דַארְף שְׁמֵייכְלֶען אוּן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר אַלֶע קִינְדֶער, נִישְׁט נָאר פַאר דִי שְׁטִילֶע רוּאִיגֶע קִינְדֶער וָואס פָאלְגְן יֶעדֶע זַאךְ אוֹיפְן מִינוּט, נָאר אוֹיךְ פַאר דִי לֶעבֶּעדִיגֶע קִינְדֶער וָואס זֶעעֶן אוֹיס ווִי זֵיי זֶענֶען נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג אוֹיפְן עֶרְשְׁטְן בְּלִיק. וַוייל רוֹב פֶעלֶער אִין אַ כִּתָּה זֶענֶען בֶּאֱמֶת נִישְׁט קַיין חוּצְפָּה; עֶס זֶעט נָאר אַזוֹי אוֹיס וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף דֶעם פוּן אוֹיבְן אוֹיף.

עֶס מוּז זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין כִּתָּה, מֶען טָאר נִישְׁט מְוַותֵּר זַיין אוֹיף חוּצְפָּה, אָבֶּער אַ מְלַמֵד דַארְף נִיצְן זַיין שֵׂכֶל אוּן הַארְץ צוּ בַּאטְרַאכְטְן יֶעדְן פַאל בַּאזוּנְדֶער צוּ זֶען אוֹיבּ עֶס אִיז טַאקֶע חוּצְפָּה. אַ מְלַמֵד וָואס אִיז אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט אוּן פַארְמַאטֶערְט וֶועט אִים יֶעדֶע רִיר אוֹיסְקוּקְן ווִי חוּצְפָּה, אוּן עֶר וֶועט יֶעדֶע מִינוּט שְׁרַייעֶן אוֹיף אַ צְוֵויטְן: **"גֵיי אַרוֹיס פוּן כִּתָּה"**, **אָדֶער "אִיךְ גֵיי רוּפְן דַיין טַאטֶע"**, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען אִיז גוּט אוֹיסְגֶערוּט אוּן מֶען הָאט גֶעגֶעסְן אַ גוּטֶע פְרִישְׁטָאג, וֶוערְן פַארְשְׁווִינְדְן אַסַאךְ פְּרָאבְּלֶעמֶען פוּן זִיךְ אַלֵיין, פְּלוּצְלִינְג טְרֶעפְט מֶען שׁוֹין נִישְׁט קַיין חוּצְפָּה'דִיגֶע קִינְדֶער.

אִיךְ גֶעדֶענְק פוּן מַיינֶע קִינְדֶערִישֶׁע יָארְן אַז אִיךְ בִּין גֶעוֶוען פוּן דִי לֶעבֶּעדִיגֶע קִינְדֶער; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַזוֹי גוּט אַלֶע בְּחִינוֹת סוֹף וָואךְ. אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן אַפָּאר יָאר אֵיידֶער מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרָאפְּצוּשְׁטֶעלְן אַ כִּתָּה אוֹיבּ מֶען קֶען נִישְׁט אַזוֹי גוּט דָאס לֶערְנֶען, וַוייל אוֹיבּ דָאס וָואלְט גֶעוֶוען אִין מַיין צַייט וָואלְט אִיךְ אֶפְשָׁר נָאךְ הַיינְט גֶעזִיצְן אִין חֵדֶר... אָבֶּער אִיךְ בִּין קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען חוּצְפָּה'דִיג.

## נִישְׁט פַארְגֶעסְן צוּ גֶעבְּן פַאר זִיךְ אַלֵיין אַ גוּט וָוארְט

אַ מְלַמֵד דַארְף אַרַיינְגֵיין אִין כִּתָּה מִיט אַ חַיּוּת אוּן אַ פְּרִישְׁקֵייט, קוּקְן פַּאזֶעטִיוו אוֹיף יֶעדְן קִינְד, גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט פַאר יֶעדְן קִינְד. אוּן נִישְׁט פַארְגֶעסְן צוּ גֶעבְּן פַאר זִיךְ אַלֵיין אוֹיךְ אַ גוּט וָוארְט, אַנֶערְקֶענֶען דֶעם גְרוֹיסְן זְכִיָּה וָואס עֶר הָאט צוּ זַיין אַ מְלַמֵד פַאר קִינְדֶער אוּן וָואס פַאר אַ גוּטֶער מְלַמֵד עֶר אִיז, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אוֹיף זִיךְ אַז עֶר אִיז נַארִישׁ אוּן שְׁלֶעכְט - קֶען עֶר נִישְׁט גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר אַנְדֶערֶע; נָאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּפְרִידְן מִיט זִיךְ אַלֵיין אוּן שֶׁעצְט זִיךְ אַלֵיין, קֶען עֶר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר אַנְדֶערֶע.

אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קכה), דָוִד הַמֶּלֶךְ, פוּן אֵיין זַייט גֶעפִינֶען מִיר זַיין צֶעבְּרָאכְן הַארְץ, גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים אִיז אַ שְׁטִיק לֵב נִשְׁבָּר, אָבֶּער אוֹיךְ הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ גֶעהַאלְטְן פוּן זִיךְ, אוּן זִיךְ בַּארִימְט, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים פו, ב): **"שָׁמְרָה נַפְשִׁי כִּי חָסִיד אָנִי"**, הִיט מִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוייל אִיךְ בִּין אַ חָסִיד; מֶען זֶעט פוּן דֶעם אַז מֶען מוּז הַאלְטְן פוּן זִיךְ, טְרֶעפְן אִין זִיךְ גוּטֶע זַאכְן, וַוייל נָאר אַזוֹי קֶען מֶען גֶעבְּן אַ גוּטֶע גֶעפִיל פַאר דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי אוֹיפְבּוֹיעֶן.

## דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת הָאט מֶען גָאר אַן אַנְדֶערֶע טָאג

וְעַל כּוּלָּם דַארְפְן מְחַנְּכִים גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כה): **"הַהִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל"**, הִתְבּוֹדְדוּת אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, עֶס אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע עֲבוֹדוֹת.

אֵיידֶער אַ מְלַמֵד גֵייט אַרַיין אִין כִּתָּה דַארְף עֶר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ תְּפִלָּה. עֶר קֶען עֶס טוּן אוֹיפְן וֶועג גֵייעֶנְדִיג אִין חֵדֶר, אוּן אוֹיךְ וֶוען עֶר שְׁטֵייט שׁוֹין בַּיים טִיר פַאר עֶר גֵייט אַרַיין אִין כִּתָּה; קִינְדֶער מֶעגְן מִיטְהַאלְטְן ווִי זֵייעֶר מְלַמֵד בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר עֶר גֵייט אַרַיין אִין כִּתָּה. אוּן עֶר זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר עֶס זָאל זַיין אַ גוּטֶע טָאג, אִיךְ זָאל אוֹיפְבּוֹיעֶן יֶעדְן קִינְד, אִיךְ זָאל קֵיינֶעם נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן; אוּן הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט דֶעם קִינְד אוּן מִיט דֶעם קִינְד; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן אַלֶע קִינְדֶער אוּן דִי קִינְדֶער זָאלְן מִיךְ לִיבּ הָאבְּן, עֶס זָאל זַיין חֵן צְווִישְׁן אוּנְז, אוּן בַּאזוּנְדֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן דֶעם קִינְד וָואס אִיז נִישְׁט אַזוֹי בַּאחֵנְ'ט, אִיךְ זָאל זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט אִים כְּאִילוּ עֶר וָואלְט גֶעוֶוען מַיין אֵייגְן קִינְד; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גוּט פָארְלֶערְנֶען דֶעם לִימוּד, דִי קִינְדֶער זָאלְן מִיךְ אוֹיסְהֶערְן אוּן פַארְשְׁטֵיין, אוּן אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין".

דִי גַאנְצֶע טָאג אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ אוֹיבּ מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד אֵיידֶער מֶען גֵייט אַרַיין אִין כִּתָּה; מֶען הָאט אַ גֶעשְׁמַאקֶע אוּן זִיסֶע טָאג.

## מֶען הָאט פָּשׁוּט פַארְגֶעסְן צוּ שֶׁעפְּשֶׁען אַ תְּפִלָּה

מַיין מַאמֶע תִּחְיֶ' הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז זִי הָאט אַמָאל מִיטְגֶעהַאלְטְן אַ שִׁידוּךְ וָואס

האט געהאלטן נאנט צו ווערן, אלעס האט געקלאפט, אפילו די בדיקות פון דור ישרים, דער שדכן האט געזאגט אז ביידע צדדים זענען מסכים צום שידוך און מען קען שוין אנגרייטן א לחיים, אבער די לעצטע מינוט איז דער שידוך געווארן אויס וועגן עפעס א קלייניקייט וואס איין צד האט זיך געשטעלט דערויף. זאגט מיר מיין מאמע אז זי האט געהערט ווי מענטשן טענה'ן זיך: **"זיי זענען יא גערעכט פארן אפהאלטן דעם שידוך"**, **"זיי זענען נישט גערעכט פארן אפהאלטן דעם שידוך"**, האט זיך מיין מאמע אנגערופן: עס האט נישט מיט קיינעם, נישט מיט זיין משפחה און נישט מיט איר משפחה, דער שידוך האט אויסגעקוקט אזוי פאסיג אז מען האט פשוט פארגעסן צו שעפשען א תפלה צום אייבערשטן: **"אייבערשטער העלף אז דער שידוך זאל צושטאנד קומען"**.

דאס איז א מורא'דיגע נקודה וואס יעדער מענטש דארף וויסן און לעבן דערמיט; עס קען אמאל אויסקוקן פאר א מענטש אז אלעס איז מסודר, און ער פארגעסט צו שעפשען א תפלה צום אייבערשטן, ביים סוף ווערט אלעס אויס...

מען קען זיין א געלונגענער מלמד און א געלונגענער מחנך, מען טאר אבער נישט פארגעסן צו שעפשען א תפלה צום אייבערשטן: **"הייליגער באשעפער העלף איך זאל מצליח זיין"**, ווייל נאר דורך תפלה קען מען האבן הצלחה.

# בריוון פון חינוך

פונעם ראש ישיבה שליט"א

## פארוואס פאלגט נישט דאס קינד?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

יישר כח אויף די געוואלדיגע שיעורים און בריוו, זיי זענען פאר מיר א בחינה פון מים קרים על נפש עיפה, איך בין זיך זייער מחזק און איך פארבעסער זיך אסאך דורך דעם.

איך האב געוואלט פרעגן ווי אזוי מען קען וויסן א חילוק צי א קינד טוט נישט וואס מען האט אים געהייסן ווייל עס איז אים באמת שווער דאס צו טון, אדער נאר ווייל ער נוצט אויס די שוואכקייט פון די עלטערן?

איך קען אמאל הערן ווי דאס קינד זאגט: "טאטי וועט הייסן צוויי דריי מאל, און נאכדעם וועט ער פארגעסן", אדער: "איך וועל ווארטן ביז מאמי האט שוין נישט קיין כח, און איך וועל עס נישט דארפן טון", ווען איך זע אז דאס קינד טוט נישט וואס מען האט אים געהייסן, ווי אזוי ווייס איך פארוואס ער טוט עס נישט?

יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - מוצאי שבת קודש פרשת ויצא, ז' כסליו, שנת תשפ"ה לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

לערן אויס דיינע קינדער אז מען דארף פאלגן טאטע מאמע, חינוך איז נישט גרינג אבער עס לוינט זיך צו אינוועסטירן אין דעם. קינדער וועלן פרובירן מיט אלע וועגן זיך ארויסצודרייען פון העלפן און פאלגן, אבער ווען די קינדער זעען אז די עלטערן זענען שטארק, די עלטערן שטייען שטארק אויף דרך ארץ און אויף פאלגן - וועלן זיי פאלגן און העלפן.

מען דארף קענען צעטיילן שלעכט און שטרענג, שלעכט איז נישט שטרענג און שטרענג איז נישט שלעכט, אז מען זאגט פאר די קינדער זאלן העלפן און פאלגן, דאס איז נישט שלעכט, דאס איז ריכטיג, און אז די קינדער וויינען און פארפירן - טאר מען נישט ווערן שוואך, נאר ווייטער מחנך זיין צו טון וואס איז ריכטיג, אבער אין די זעלבע צייט טאר מען נישט ווייטון קינדער, זיי אונטער רייסן, לאכן פון זיי, און זיי טשעפענען, און חס ושלום דערשרעקן די קינדער.

פארלייג זיך אויף חינוך, דאס זאל זיין ביי דיר די גרעסטע עבודת השם. די תורה זאגט (בראשית כח, יא): "ויקח מאבני המקום", יעקב אבינו האט גענומען שטיינער ארום זיין קאפ, זאגן די הייליגע חכמים (בראשית רבה סח, יא): "רבי יהודה אמר שנים עשרה אבנים נטל", יעקב אבינו האט גענומען צוועלף שטיינער, "כך גזר הקדוש ברוך הוא, שהוא מעמיד שנים עשר שבטים", ווייל ער האט געזען ברוח הקודש אז ער גייט אויפשטעלן צוועלף שבטים, און פון די שטיינער האט ער געבויט די מזבח (בראשית כח, יח).

"מעשה אבות סימן לבנים" (עיין תנחומא לך לך, סימן ט), יעקב אבינו לערנט אונז, ווען א מענטש וויל דינען דעם אייבערשטן, ער וויל בויען א מזבח, ער וויל מקריב זיין קרבנות - זאל ער אריינלייגן ארבעט אין חינוך הבנים והבנות, די מזבח פון א איד דארף זיין דיינע קינדער, חינוך הבנים והבנות איז די גרעסטע עבודה, דאס איז אזוי ווי מקריב זיין קרבנות, דאס איז די העכסטע עבודה. אזוי ווי דער הייליגער רבי נתן האט געזאגט: "ביי מיר איז חשוב מחנך צו זיין מיינע קינדער אזוי ווי תיקון חצות"; רבי נתן זכרונו לברכה האט געוואלט גיין שלאפן פרי צו קענען אויפשטיין זאגן תיקון חצות, אבער אזוי ווי ער האט געהאט א שטוב מיט קינדער, פלעגט ער ווארטן זיי זאלן אהיים קומען פון חדר, וואס דעמאלט פלעגט ער זיי מחנך זיין צו מאכן ברכות, לייענען קריאת שמע און אנגרייטן נעגל וואסער, און דאס האט אים געשטערט פון גיין שלאפן פרי, האט ער געזאגט אז דאס איז ביי אים אזוי חשוב פינקט ווי די עבודה פון זאגן חצות.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת וישלח, שנת תשפ"ה)

## דארף מען אויפוועקן די קינדער אינדערפרי?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין נישט קיין ברסלב'ער חסיד, פון דעסט וועגן לערן איך יעדע וואך די וועכנטליכע קונטרסים עצתו אמונה, אשית עצות בנפשי, שיעורי חינוך, און גליון היכל הקודש, און ברוך השם אז זייט מיינע בחור'ישע יארן, שוין איבער צוואנציג יאר, וואס איך בין מעביר סדרה יעדע וואך די פרשה אום פרייטאג, און איך האב שוין אויך זוכה געווען צו ענדיגן טעליכע מאל ששה

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

סִדְרֵי מִשְׁנָה מִיטְ'ן בַּרְטְנוּרָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל וַוייטֶער הֶעלְפְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אִינֶעם קוּנְטְרֵס אָשִׁית עֵצוֹת בְּנַפְשִׁי פוּן פַּרְשַׁת אֱמוֹר אַז אַ טַאטֶע דַארְף אוֹיפְוֶועקְן דִי קִינְדֶער, אוּן נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן הוֹיז וֶוען דָאס קִינְד שְׁלָאפְט נָאךְ; דָאס אִיז אָבֶּער אַנְדֶערְשׁ פוּן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אוּן גֶעהֶערְט אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן בֵּין הַזְּמַנִים, וֶוען אַ זֶעכְצְן יֶערִיגֶער בָּחוּר אִיז אִינְדֶערְהֵיים, צִי דֶער טַאטֶע זָאל זַיין דֶער פָּאלִיצַיי מַאן פוּנֶעם בָּחוּר, אִים אוֹיפְצוּוָאֶועקְן אִין צַייט צוּ קְרִיאַת שְׁמַע אוּן דַאוְוענֶען, אָדֶער עֶר זָאל אִים אוֹיפְוֶועקְן אֵיינְמָאל אוּן פוּן דָארְט אוּן וַוייטֶער אִיז דִי אַחְרַיוּת אוֹיפְן בָּחוּר אַלֵיין, אוּן דִי שִׁיטָה פוּן יֶעדְן אִיז אַז אוֹיבּ וֶועט דֶער טַאטֶע שְׁטֵיין צוּפִיל אוֹיפְן קָאפּ פוּנֶעם בָּחוּר, וֶועט עֶר אִים מֶער דֶערְוַוייטֶערְן.

אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הַאלְט אַנְדֶערְשׁ, אָדֶער רֶעדְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פוּן קְלֶענֶערֶע קִינְדֶער וָואס מֶען קֶען נָאךְ גְרִינְגֶער מְחַנֵךְ זַיין?

אִיךְ הָאף צוּ בַּאקוּמֶען אַ קְלָארֶע עֶנְטְפֶער אוֹיף דֶעם, נִישְׁט אַ כְּלָלִיוּת'דִיגֶע עֶנְטְפֶער אִיבֶּער דִי חֲשִׁיבוּת פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין אוּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, וָואס דָאס וֵוייס אִיךְ שׁוֹין פַאר אִיבֶּער צְוָואנְצִיג יָאר.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ח' סִיוָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס וֶוענְדְט זִיךְ לוֹיט דִי לִיבְשַׁאפְט צְוִוישְׁן דֶער טַאטֶע מִיטְן קִינְד; אִיז דָא לִיבְשַׁאפְט - מֶעג מֶען זָאגְן אוּן מֶען דַארְף זָאגְן אוּן מֶען פּוֹעֶלְ'ט מִיטְן זָאגְן, אַז עֶס אִיז דָא לִיבְשַׁאפְט צְוִוישְׁן טַאטֶע אוּן קִינְד - וֶועט דֶער טַאטֶע פּוֹעֶלְ'ן, אִיז נִישְׁטָא לִיבְשַׁאפְט אוּן נָאנְטְקֵייט - דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ זָאגְן, וַוייל נִישְׁט נָאר עֶס וֶועט נִישְׁט אוֹיפְטוּן, עֶס וֶועט נָאר עֶרְגֶער מַאכְן.

דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע אוּן וִויכְטִיגֶע כְּלַל בַּיי עֶלְטֶערְן וָואס ווִילְן פּוֹעֶלְ'ן בַּיי קִינְדֶער ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, אוּן בַּיי מְחַנְכִים וָואס ווִילְן מְחַנֵךְ זַיין דִי תַּלְמִידִים, אוּן אוֹיךְ בַּיי מַאן אוּן וַוייבּ; אַז מֶען ווִיל עֶפֶּעס פּוֹעֶלְ'ן, מֶען ווִיל זָאגְן וְכוּ' - דַארְף זַיין לִיבְשַׁאפְט אוּן נָאנְטְשַׁאפְט. אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפִינֶען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (רַשִׁ"י פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, פָּסוּק א): "לְכָל דִּבְּרוֹת וּלְכָל אֲמִירוֹת וּלְכָל צִוּוּיִים קָדְמָה קְרִיאָה לְשׁוֹן חִבָּה, לָשׁוֹן שֶׁמַּלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת מִשְׁתַּמְּשִׁין בּוֹ", וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוָואלְט זָאגְן אַ מִצְוָה פַאר דִי אִידְן, הָאט עֶר קוֹדֶם גֶערוּפְן דִי אִידְן מִיט אַ לִיבְשַׁאפְט, מִיט אַ וֶועג ווִי דִי מַלְאָכִים רֶעדְן אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, מִיט גְרוֹיס לִיבְשַׁאפְט, אוּן נָאכְדֶעם גֶעזָאגְט וָואס מֶען דַארְף טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת בהעלותך, שנת תשפ"ה)

## אִיךְ הָאבּ פַארְלוֹירְן מַיין סַבְלָנוּת, מֶעג אִיךְ זַיין מְלַמֵּד?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

בִּיז יֶעצְט הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין סַאךְ סַבְלָנוּת אִין חֵדֶר, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּמָאל פַארְלוֹירְן אוּן גֶעשְׁלָאגְן, יֶעצְט הָאבּ אִיךְ פַארְלוֹירְן אַ גְרוֹיס חֵלֶק פוּן מַיין גֶעהַאלְט, אוּן אִיךְ הָאבּ נָאךְ וֵוייניגֶער סַבְלָנוּת; מֶעג אִיךְ זַיין אַ מְלַמֵּד?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוֹבָבִ"ים, י"א אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיסְדְרִיקְלִיךְ אַז נִישְׁט, אוֹיבּ דוּ פַארְלִירְסְט זִיךְ אוּן דוּ שְׁלָאגְסְט דִי קִינְדֶער - טָארְסְטוּ נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵּד. מוֹהֲרַ"ש זָאגְט, אַ מְלַמֵּד וָואס נוּצְט הֶענְט - טָאר נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵּד, אוּן אַז עֶר זוּכְט פַּרְנָסָה זָאל עֶר גֵיין אַרְבֶּעטְן בַּיים צַאמְנֶעמֶען דִי מִיסְט אוּן אוֹיסְגֶעבְּן דִי כַּעַס אוֹיף דִי קַאנֶעס, אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט בַּיי דִי וָואס אַרְבֶּעטְן בַּיי דִי מִיסְט ווִי זֵיי וַוארְפְן דִי קַאנֶעס מִיט כַּעַס אוּן רְצִיחָה.

שְׁלָאגְן פוּן פַארְלוֹירְנְקֵייט - אִיז פַארְקֶערְט פוּן חִינוּךְ, בִּכְלַל שְׁלָאגְן אִיז נִישְׁט גוּט. דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט שְׁלָאגְן, דֶער רֶבִּי הָאט פָארְגֶעהַאלְטְן רֶבִּי נָתָן הֲיִתָּכֵן עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן אַ פְּרַאסְק פַאר זַיין זוּן, אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוֶוען פוּן פַארְלוֹירְנְקֵייט, רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעטְרַאכְט אַז זַיין זוּן ווִיל נִישְׁט פָאלְגְן, אַרַיינְקוּמֶען זִיצְן נֶעבְּן דֶעם גַאסְט וָואס הָאט גֶעהַאט אַ שְׁלֶעכְטֶע שְׁוֶוערֶע גֶערוּךְ, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעגֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ, אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט דֶער רֶבִּי אִים פָארְגֶעהַאלְטְן: "אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען?" אוּן זִיכֶער נִישְׁט וֶוען מֶען וֶוערְט פַארְלוֹירְן אוּן מֶען טֵיילְט פֶּעטְשׁ רֶעכְטְס אוּן לִינְקְס, אַזַא אֵיינֶער טָאר נִישְׁט הָאבְּן מִיט קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת כי תשא, שנת תשפ"ד)

חינוך אַפְּטײלונג
אויף קול ברסלב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 1-2-4-2
- שמעו ותחי נפשכם -

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876